זײַן רבנות האָט איבערגענומען ר׳ יעקב־בער לעווינזאָן, זון פֿון ר׳ יהודה־לייב, אָבער געווען דאָ רב נאָר צוויי יאָר, דעמאָלט איז ר׳ יהונתן געבליבן דער איינציקער רבֿ ביז 1892, ווען ער איז געוואָרן אב״ד וואָלקאָוויסק, ווו ניפֿטר געוואָרן אין 1899. 1892 האָט די קהילה צוריקגערופֿן איר אַלטן רבֿ ר׳ עזריאל ראַקאָווסקי, וואָס איז ניפֿטר געוואָרן 1894.

עד כּאן די רייד פֿון העברעיִש־ייִדישן שרײַבער אַבֿרהם־חיים (היימאַן) חרל״פ, געדרוקט אין **נר מערבֿי** (נ״י). ער איז אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ר׳ יהודה־לייב חרל״פ און אין זײַן יוגנט געוווינט אין מאַריאַמפּאָל. צו זײַנע רייד זײַנען נייטיק הוספֿות סײַ וועגן די פֿריִערדיקע יאָרן, סײַ שפּעטער.

1. ר׳ יהונתן עליאַשבערג איז געבאָרן 1850 אין קאָוונע. דאָ רבֿ 1879־1887. פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין **המליץ** (1881) וועגן חינוך־עניינים. ניפֿטר געוואָרן אין וואָלקאָוויסק ח׳ כּסלו, תּרנ״ט. בעל **דרכי הוראה** (ווילנא, 1884).

2. ר׳ עזריאל־אריה ראַקאָווסקי איז דאָ געבאָרן אין 1821. זײַן אָנקל און רֶבּי איז ר׳ יעקבֿ קאַרלינער, בעל **משכּנות יעקבֿ**. האָט הסכּמה אויף **אור עולם**, צבֿי־הירש מרגליות (אדעסא, תּרנ״א). געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט דורכגעלערנט 145 מאָל תּלמוד בבֿלי וירושלמי.

3. ר׳ חיים־יהושע הכּהן בר׳ ראובֿן בלומענטאַל בר׳ מענדל ראַצקער. נאָך לאַזדיי ערשטער ר״מ אין ביאַליסטאָק, 1857־1867 רבֿ אין יאַנעווע (פּוילן) און ביז 1880 רבֿ אין קאַמענעץ. ניפֿטר געוואָרן אין בריסק דליטא.

4. ר׳ אליהו קלאַצקין, געבאָרן 1852 אין אוזשפּאָל, ווו זײַן פֿאָטער ר׳ נפֿתּלי־הערץ איז געווען רבֿ. פֿון 1881 רבֿ אין קאַרטוז־בערעזע, 1892־1910 אין מאַריאַמפּאָל, דערנאָך אין לובלין, פֿון 1925 דיין ראשי אין בית־דין פֿון ר׳ חיים זאָנענפֿעלד אין ירושלים. האָט געקענט עטלעכע לשונות און געווען אַ יַדען אין אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן. געווען אַ מֵקיל אין עניין מציצה און מַתּיר געווען צו ניצן אַ מאַשינקע, דער מאָטיוו: אַמאָליקע צײַטן איז ניט געווען קיין חשש פֿון אָנשטעקן דורכן מוהלס מויל, אָבער אין דער נײַער צײַט איז דאָ אַזאַ געפֿאַר. ניפֿטר געוואָרן 1932 אין ירושלים. חיבורים: **אבֿן הראשה** (וואַרשא, תּרמ״ז), **אבֿן פּנה** (פּיעטרקוב, תּרס״ז), **דבֿר אליהו** (לובלין, תּרע״ה), **קונטרס לדוגמא** (לובלין, תּרפ״א), **מלואי אבֿן** (לובלין, תּרפ״ה) **חִיבת הקדש** (ירושלים, תּרפ״ו), **דברים אחדים** (ירושלים, תּרפ״ט). האָט הסכּמה אויף **ארץ ירדן** פֿון יצחק־יעקבֿ רחלין (וואַרשא, תּרנ״ו) און **מחזיקי הדת**, יעקבֿ ליפֿשיץ (פּיעטרקובֿ, תּרס״ג). אַרויסגעגעבן אַ בראָשור מיט דרשות און אַרטיקלען אין רוסיש **רעטשי אי סטאַטי** (קאָוונע, 1906).

5. ר׳ אַבֿרהם־דובֿ פּאָפּעל. געבאָרן 1870 אין האַנושישאָק, ווו געווען רבֿ 1897־1905, שפּעטער אין היידוציִשאָק